# א בליק אויף צוריק

## רבקה סטאַלאַר



רבקה סטאָלאר באַגריסט די קאַנאַדער געסט סאָניע און לואי בערגער בעת זייער וויזיט אין בית־ראָזשישטש.

פרווו פאַרמאַכן די אויגן אויף עטלעכע מינוט און טראָג זיך אַריבער אין דעם אַמאָל, ווען פאַר דיר דורכלויפן אַ בילד נאָך אַ בילד פון די גליקלעכע, האַלב־גליקלעכע קינדער־יאָרן.

ס'שוועבן אַרום דערשיינונגען, חלומות אויסגעמישט מיט דער שיינקייט פון דער אוקראַינער נאַטור און געשעענישן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן.

### טעאַטער

אָט זעסטו אַ פאָרשטעלונג אין גאָרענשטיינס טעאַטער פון יידישן דראַמאַטישן קרייז. מען שפילט „טוביה דער מילכיקער", רעזשי — אַלטער שאַמעס. חברה־יאַטן שטייען שוין אויף גאַלאָרקע, ווער מיט אַ בילעט און וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן דורכשמוגלען אָן אַ בילעט...

מיט אָפענע מיילער שלינגט מען יעדער וואָרט פון טביהן (שאַמעס), די ליבע צווישן חווה און פעטקע דרינגט אַריין טיף אין די קינדערישע נשמות און ס'דאַכט זיך גאָר, אַז אַלץ קומט פאָר דאָ אין שטעטל...

די פאָרשטעלונג געענדיקט. די קינדער פאַלן אַראָפּ פון הימל... און מ'לייגט זיך אין די בעטן.

### פרילינג פארטאג

די זון קוים וואָס זי באַווייזט זיך. ס'ליגט נאָך דער טוי אַרום און אַרום. קינדער רוקן זיך לאַנגזאַם אַרויס פון די הייזלעך. ווער ס'לויפט צום סטער כאַפּן אַ שווים, ווער ס'שפּרינגט מיט באָרוועסע פיסלעך אין גרינעם גראָז, און אָט זעט מען שוין קינדער מיט די טעקעס אויף די פּלייצעס לויפן, ווער אין „תרבות", ווער אין פאָלקס־שול, אין ישיבה.

נאָכמיטאָג. ס'טריפט אַ רעגענדל און ס'באַווייזט זיך אַ פילפאַרביקער רעגנבויגן, וואָס הענגט איבערן שטעטל.

צווישן דער יוגנט צעפלאַקערן זיך הייסע דיסקוסיעס: חלוצים, „השומר הצעיר", בית"ר און לינקע. ווער ס'טרוימט וועגן אַ יידישער מדינה און ווער ס'חלומט וועגן אַ בעסערער וועלט בכלל...

### ל"ג בעומר

אַן אויספלוג אין קאָפּאַטשיוקער וואַלד. מען צעלייגט אַ פייער, בראָט קאַרטאָפל, מען כאַפּט אַ ביס הערינג מיט געבראָטענע קאַרטאָפל און שוואַרץ ברויט און מ'קלאַפּט געפאַרבטע אייער. האָ, איז דאָס אַ מאַכל!..

דער לערער, יאַנקל קאַפּלאַן פון ווילנע, לייענט דערציילונגען פון י. ל. פרץ.

### שבת נאכמיטאג

גרויס און קליין האָבן זיך אַרויסגעגאָסן אויפן 3־טן מאי גאַס („קרעשטשאַטיק", ווי די ליצים רופן די הויפּטגאַס), אויסגעפוצט אין שבת־קליידער. מען שפּאַצירט אַהין און אַהער. שבת פאַרנאַכט. פון טריסקער שול שטראַלט אַרויס חסידיש לעבן. ניגונים גיסן זיך צענויף מיט בענקשאַפט צו עפּעס בעסערס.

אין מיטן דער שול שטייט דער אַלטער הערשל בעל־שם, וויגט זיך אַהין און צוריק, גייט אַריין אין טיפע גייסטלעכע עקסטאַזע. דאָס איז אַ קליינוווקסיקער ייד מיט אַ ווייס־געלער באָרד, צוויי בלויע פאַרגאָסענע אויגן. יעדן דאָנערשטיק קלאַפּט ער אין די

טירן, ווי עפּעס אַן אליהו הנביא, און ברענגט הייוון אויף שבת. ווער ס׳צאָלט און ווער ס׳נעמט אויף אייביקן באָרג...

## אַ יריד אין שטעטל

דער מאַרק, וואָס האָט אַ געווויסע צייט געטראָגן דעם נאָמען פּרץ־פּלאַץ, איז איבער־געפילט מיט פויערן פון די אַרומיקע דערפער. זייערע וועגענער זענען אָנגעפּאַקט מיט תבואה, פּרוכט (ווײַנשל, ווײַנפּעלעך, יאַגדעס), הינער, גענדז, פּוטער א.אַ.וו.

אין עטלעכע שעה איז אַלץ פאַרקויפט און די פויערים לאָזן זיך אין די יידישע קלייטן אײַנקויפן זייערע באַדאַרפנישן: זייף, הערינג, בראָנפן, נאפט, שיך, קליידער. אַלץ אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן און מ׳פאָרט צוריק פון יריד. ס׳דאַכט זיך, אַז דאָס פרידלעכע צוזאַמענלעבן צווישן יידן און גויים איז נאַטירלעך און שטאַרק אויף אייביק.

## שלמה׳לעס בלוט

פּלוצים איז דער זעלבער מאַרק־פּלאַץ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלוט־פעלד. די דייטשן און אוקראַינער, אין היטלער־מונדירן, האָבן מערדעריש באַפאַלן די יידן.

שלמה׳לע סטאָלאַר איז געלאָפן, אַ זונטיק, אויפן מאַרק־פּלאַץ, געזוכט אַ דאָקטאָר פאַר זיין קראַנקער מאַמע. האָבן אים די ווילדע רוצחים דערשאָסן. דאָס בלוט, פון אַן אומשולדיק יידיש יינגעלע, מיין קליין ברודערל, האָט באַדעקט די שאָסיי־שטיינער, ביז זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין לעבעדיקע, רעדנדיקע גלידער.

און ווען איך האָב אין יאָר 1946 געטראָטן אויף דער שאָסיי, האָט מיר פּלוצים אָנגעהויבן ברענען אין מיינע פיס. מיין שלמה׳לעס בלוט קען ניט רוען, ס׳קאָכט אָן אַן אויפהער און ס׳שרייט! איך הער און דערקען זיין קול.

דאָס שטעטל איז מער נישטאָ,
געבליבן אַ פּשוטער שטיין.
ער שטייט פאַריתומט אַליין,
אומעטיק, שטום...

ניט קיין גרעזל, ניט קיין בלום,
שטייט ער פאַרצאָרנט, פאַרשעמט — פרעמד.